**גוט שבת אלע אידן.** בעפאר דער הייליגער באבא סאלי זצ"ל איז געקומען וואוינען אין ארץ ישראל האט ער געוואוינט אין מורוקו. דארט אין מורוקו איז ער געווען דער גרעסטער רב און מנהיג פון אלע מורוקישע אידן. אמאל, ווען ער האט נאך געוואוינט אין מורוקו, איז דער צדיק געקומען אויף א באזוך קיין ארץ ישראל. עס איז געווען א דאנערשטאג און די ראשי הקהילה פון מורוקו האבן גערופן קיין ארץ ישראל מיט שרעקליכע נייעס. די מורוקישע רעגירונג האט גוזר געווען אז אלע ישיבות אין מורוקו גיין פארמאכט ווערן און די אלע פארמעגן וואס האט באלאנגט צו די ישיבות וועט ווערן איבערגעגעבן פארן מיליטער. דאס איז געווען א מוראדיגע שווערע גזירה, ווייל אן תורה קענען אידן נישט עגזעסטירן אין גלות.

בקיצור, ווען דער באבא סאלי האט דאס געהערט איז ער שנעל צוריקגעפארן קיין מורוקו. וויבאלד אז מורוקו איז אן אראבישער לאנד, האט מען נישט געקענט פליען דירעקט קיין מורוקו, נאר דער באבא סאלי האט געדארפט פארן קיין פראנקרייך, און פון דארט פארן קיין מורוקו.

ווען דער באבא סאלי איז אנגעקומען סוף כל סוף קיין מורוקו איז עס שוין געווען ערב שבת נאך חצות. דער צדיק מיט זיינע גבאים זענען שנעל געפארן צו דעם הערשער פון דעם געגענט וואו דער באבא סאלי האט געוואוינט כדי צו טון שתדלנות קעגען די גזירה. כאטש דער הערשער איז געווען א גוי, האט דער באבא סאלי געהאט זייער א נאנטען שייכות מיט אים. פארשטייט זיך אז דער צדיק האט זיך זייער שטארק געיאגט צו קענען אנקומען צום הערשער ווייל עס איז דאך געווען ערב שבת נאכמיטאג. אויפן וועג פארן צום הערשער איז געשען אן עקסידענט, און אן אראבער איז געהארגעט געווארן. די פאליצייי זענען אנגעקומען און זיי האבן גענומען אלע אריין אין סטאנציע, מיט דעם הייליגן באבא סאלי אייך. דער באבא סאלי האט געבעטן א טעלעפאן כדי צו רופן דעם הערשער. דער באאמטער וואס האט געענפערט דעם טעלעפאן האט געזאגט אז ער קען בשום אופן נישט שטערן דעם הערשער ווייל דער הערשער האלט אין מיטן אן ערנסטען זיצונג. דער באבא סאלי האט געזאגט אז מען זאל איבערגעבן צום הערשער אז דער באבא סאלי אליינס וויל רעדן מיטן הערשער. באלד דערנאך האט דער הערשער גענומען דעם טעלעפאן. דער באבא סאלי האט אים געזאגט אז ער מוז זיך טרעפן מיט אים.

דער הערשער איז אריבערגעפארן צום פאליציי סטאנציע וואו ער איז איבערראשט געווארן צו זען אז מען האלט דעם צדיק. ער האט געפרעגט וואס דאס פראבלעם איז געווען. זיי האבן דערציילט וועגן דעם עקסידענט און ווי איין מענטש א אראבער איז געהרגעט געווארן. "פאר איין טויטען האלט מען אויף דעם באבא סאלי?!? דער טויטער זאל זיין א כפרה פארן אויפהאלטן אזא חשובן מענטש!" האט דער הערשער געזאגט, רעדענדיק זייער דרך ארצדיג וועגן דעם צדיק.

"נו," האט דער הערשער געזאגט ווייטער פארן צדיק, "יעצט אז איך בין ספעציעל געקומען דא פאר אייך, וואס קען איך טון פאר אייך."

"קודם כל," האט דער צדיק אנגעהויבן צו זאגן, "מזל טוב אויף דעם וואס מען האט דיך באשטימט אלס איינער פון די מיניסטערען פונעם רעגירונג!" "וואס..." האט דער הערשער געזאגט. "ווי אזוי ווייסטו אז מען האט גערעדט יעצט וועגן דעם?"

דאן האט דער הערשער גערופן זיין אפיס צו הערן די פרייליכע בשורה אז מען האט אים טאקע ממנה געווען אלס מיניסטער אין דעם רעגירונג. א מיניסטער איז אסאך מער חשוב א שטעלע ווי סתם צו זיין א הערשער איבער דעם געגענט. דער הערשער האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן מיט טרערן אויף זיין באקן. ער איז געווען אזוי פרייליך, און ער איז זייער נתפעל געווארן פון דעם באבא סאלי'ס "נבואה."

נאכדעם האט דער באבא סאלי גערעדט וועגן דעם שלעכטע גזירה. דער הערשער האט אלעס צוגעהערט און ער האט אים געענפערט, "זארגט אייך נישט, איך גיי עס מבטל זיין." דער באבא סאלי האט זיך געפרייט צו הערן א שטיק צייט שפעטער אז דער נייער מיניסטער האט טאקע מבטל געווען די שלעכטע גזירה. און מיט דעם האבן די אידן אין מורוקו געקענט עגזעסטירן ביז כמעט די גאנצע קהילה בנשיאות דער באבא סאלי איז געקומען וואוינען אין ארץ ישראל עטליכע יארן נאכדעם.

ווי אזוי האט דער באבא סאלי געהאט אזא שפראך מיט דעם הערשער? אסאך יארן פריער, איז דער צדיק געווען נאנט מיט דעם טאטען פונעם הערשער, וואס איז אויך געווען דער הערשער אינעם געגענט. דער הערשער האט געהאט זיבן קינדער וואס זענען אלע ל"ע אוועק יונגערהייט. ווען דער אכטער קינד איז געבוירן, איז דער הערשער געקומען צו דעם באבא סאלי בעטן א ברכה אז דאס קינד זאל לעבן געזונט. אזא גרויסער צדיק איז דער באבא סאלי געווען אז אפילו גוים זענען געקומען צו אים. בקיצור, האט דער צדיק געבענטשט דעם הערשער און זיין קינד. אבער דער באבא סאלי האט אויך געהייסן אן אינטערעסאנטען זאך, אז דאס קינד זאל בלייבן וואוינען ביים אים אינדערהיים ביז ער וועט ווערן אכט יאר אלט. און אזוי איז געשען. און דער זון פונעם הערשער וואס האט געוואוינט אכט יאר ביים באבא סאלי איז געווארן איין טאג דער הערשער אזוי ווי זיין טאטען. און איין טאג איז עס געקומען צו נוץ ווען ער האט געדארפט מבטל זיין די גזירה פון פארמאכן די ישיבות אין מורוקו.

אין די היינטיגע פרשה לערנט מען ווי יעקב אבינו ע"ה האט באקומען דעם נאמען "ישראל." מען זאגט נאך פון די ספרים הקדושים אז ישראל איז טייטש "ישר קל." ד"ה אידן האבן א דירעקט קשר צום אייבערשטען ,מען דארפט נישט צוקומען צו באשעפער דורך א שליח אזוי ווי די גוים. די פרט זעט מען קלאר ביי צדיקים, וואס וועגן זייערע אפגעהיטענקייט און זהירות אין מצוות צוזאמען מיט זייערע הייליגע יחוס קענען זיי פועל'ן גרויסע זאכן. מיט וויסן דעם פאקט קענען מיר אלע לעבן מער צופרידענע לעבנס. **גוט שבת אלע אידן.**